**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/21/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 11.1 מיליאן דאלער אין פעדעראלע ארבעטסקראפט פאָנדינג צו פארברייטערן דיסאביליטי רעסאָרס קאארדינירונג פראגראם לענגאויס ניו יארק סטעיט**

*פראגראם צו באהעפטן מענטשן מיט דיסאביליטיס צו דזשאבס וועלן סערווירן מער ווי 45,000 מענטשן ביז 2025 און פארזיכערן א מער אויסגעגליכענע שטאפל פון סערוויס אין יעדע ראיאן פון דעם סטעיט*

*די ניי-געשאפענע ניו יארק סיסטעמס טויש און ארייננעמיגקייט גלעלגנהייט נעטווארק וועט באשטיין פון די פארברייטערטע דיסאביליטי רעסאָרס קאארדינאטארן פראגראם*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן א פארשפרעכונג פון 11.1 מיליאן דאלער אין פעדעראלע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פאָנדינג איבער די נעקסטע דריי יאר צו פארברייטערן די ערפאלגרייכע נעטווארק פון דיסאביליטי רעסאָרס קאארדינאטארן צו אלע 33 ארטיגע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג ערטער און צו בעסער סערווירן מענטשן מיט דיסאביליטיס אין ניו יארק סטעיט קאריערע צענטערס.

"יעצט מער פון אלעמאל איז וויכטיג צו פארזיכערן אז יעדע ארבעטער אין ניו יארק איז געשטיצט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "א וויכטיגער שטאנדטייל פון אונזער נאך-פאנדעמישער ערהוילונג איז צו פארזיכערן ארבעטער פון יעדע הינטערגרונד האבן דזשאב געלעגנהייטן. איך וויל אז ניו יארק זאל זיין א סטעיט פון געלעגנהייט און האפענונג פאר מענטשן פון יעדע לעבנסשטייגער, און דאס מיינט אז מיר דארפן פארזעצן צו העכערן שטיצע פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס."

דער היינטיגער אנאנסמענט, צו שאפן די ניו יארק סיסטעמס טויש און ארייננעמיגקייט געלעגנהייטן נעטווארק (NY SCION), קומט אין לויף פון אקטאבער, וועלכס די [גאווערנער האט דערקלערט צו זיין דיסאביליטי באשעפטיגונג באוואוסטזיניגקייט מאנאט](#).

די פארברייטערונג בויעט אויף געוועזענע פראגראמען געשטיצט דורך די פעדעראלע דיסאביליטי באשעפטיגונג איניציאטיוו, וועלכס האט סערווירט מער ווי 31,000 מענטשן זינט 2010. די גרענטס זענען געאייגנט צו העכערן די קוואליטעט פון אונזער סערוויס דעליווער צו ערוואקסענע און יוגנט מיט דיסאביליטיס.

אזוי ווי די געוועזענע גרענטס קומען צום שלוס, וועט דער ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט פארזעצן ווייטער איר אנטשלאסנקייט צו סערווירן מענטשן מיט דיסאביליטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט דורך א נייע דריי-יאריגע פרואוו פראגראם. אין לויף פון די צייט ערווארט די סטעיט צו סערווירן נאך 45,000 מענטשן.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר קאמישענער ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** "קאוויד האט געעפנט די טיר צו פונדאמענטאלע טוישונגען אין דעם אופן וואס מיר גייען זיך אום ביי דער לעיבאר דעפארטמענט. מיר

מוזן עס טוהן מער עפעקטיוו און בעסער צוטרעפן צו די געברויכן פון אלע דזשאב זוכער. דיפערענצן זאלן אייך נישט מאכן אומפעאיג צו געפונען באשעפטיגונג. מיר דארפן העכערן די באוואוסטזיניגקייט וועג דיביישטייערונגען וואס מענטשן מיט דיסאביליטיס קענען מאכן צו די ארבעטסקראפט און מאכן זייער באשעפטיגונג די נארמאלקייט, ווי איידער דער אויסנאם."

**קאנגרעסמאן דזשאו מארעל האט געזאגט,** "ניו יארקער פון אלע פעאיגקייטן קומט זיך צו האבן צוטריט צו די הויכע-קוואליטעט שטיצע און רעסאָרסן וואס זיי דארפן צו פירן געזונטע לעבנס און האבן סיפוק׳דיגע קאריערעס, און שטאלציר מיך צו האבן געהאלפן שאפן פעדעראלע פאָנדינג צו באשיצן און פארברייטערן די קריטיש-וויכטיגע פראגראמען אויף וואס מענטשן מיט דיסאביליטיס פארלאזן זיך. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר איר אנטשלאסנקייט צו פארשטערקערן אונזער ארבעטסקראפט, אונטערצושטיצן אן ארייננעמיגע קאמיוניטי און פארזיכערן אז אלע מענטשן האבן די געלעגנהייט צו האבן סוקסעס."

**רעפרעזענטעטיוו עדריאנא עספיילאט האט געזאגט,** "איך לויב גאווערנער האקול אויף די היינטיגע מעלדונג צו אלאקירן די פעדעראלע פאָנדינג וועלכס איך האב געהאלפן שאפן אין קאנגרעס צו ווייטער פארברייטערן דיסאביליטי פארשונג און רעסאָרסן לענגאויס דעם סטעיט. איך בין קאנפידענט אז די געהעכערטע בענעפיטן צו מענטשן מיט דיסאביליטיס וועלן פאזיטיוו באווירקן אויף מיין דיסטריקט און קאמיוניטיס ארום דעם שטאט. אזוי ווי אקטאבער איז ׳דיסאביליטי עמפלוימענט באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳, טוט דער היינטיגער פארשפרעכונג ווידער-באטאנען אונזער שטיצע און באמיאונגען צו פארזיכערן אז דיסאביליטי רעסאָרסן און בענעפיטן פאר מענטשן אין אונזער קאמיוניטי וואס נייטיגן זיך אין אונזער שטיצע היינט מער פון אלעמאל."

פריער האבן נאר בערך האלב פון די 33 ארטיגע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג ערטער דירעקט צוטריט צו א דיסאביליטי רעסאָרס קאארדינאטאר. NY SCION וועט פינאנצירן די פלאצירונג פון א דיסאביליטי רעסאָרס קאארדינאטאר אין יעדע ארטיגע ארבעטסקראפט פלאץ און עטליכע פאזיציעס אין ניו יארק סיטי. זייער ראלע וועט זיין צו פארבעסערן און שטיצן באשעפטיגונג תוצאות פאר יוגנט און ערוואקסענע מיט דיסאביליטיס און אוועקצושטעלן און פארברייטערן פארטנערשיפס איסצוניצן רעסאָרסן לענגאויס מערערע סערוויס סיסטעמס. זיי וועלן טרענירן סיי סטעיט און סיי פארטנער שטאב אין בעסטע פראקטיק צו פארזיכערן א גלייכע קוואליטעט פון סערוויס לענגאויס דעם ארבעטסקראפט סיסטעם און אין יעדע קאריערע צענטער.

דיסאביליטי רעסאָרס קאארדינאטאר אקטיוויטעטן נעמען אריין:

- העכערן די צאל איינגעשריבענע יוגנט און ערוואקסענע מיט דיסאביליטיס — אריינגערעכנט סאושעל סעקוריטי געניסער און מענטשן מיט אינדיווידועלן און / אדער דעוועלאפמענט דיסאביליטיס — אין דער קאריערע צענטער סיסטעם דורך אויסזוכן און רעקרוטירן אקטיוויטעטן
- צושטעלן בענעפיט ראט און ארבעט אינצענטיוו קאונסלינג צו סאושעל סעקוריטי געניסער אין זייער טראנזיציע צו ארבעט
- אונטערהייבן דער טיקעט צו ארבעט פראגראם
- פארמאליזירן דער אינטעגרירטע רעסאָרס טיעם וואס קומט אן צו זייער ארט
- דער IRT רעסאָרס וועבזייטל איז געשאפן געווארן אין ניו יארק סטעיט אונטער א פריערדיגע דיסאביליטי באשעפטיגונג איניציאטיוו פראיעקט.
- אויספירן אויסזוך צו ביזנעסער
- פלאצירן יוגנט און ערוואקסענע מיט דיסאביליטיס אין ארבעט עקספיריענסעס (ווי צוםביישפיל אינטערנשיפס, אויף די דזשאב טרענירונג, זומער ארבעט עקספיריענסעס, א.א.וו.)

- פלאצירונג און אנהאלטן יוגנט און ערוואקסענע מיט דיסאביליטיס אין אָקיופּעישען פעאיגקייט טרענירונג
- פלאצירונג און אנהאלטן יוגנט און ערוואקסענע מיט דיסאביליטיס אין פארמעסטערישע, אינטעגרירטע באשעפטיגונג

אין צוגאב וועלן אקטיוויטעטן וואס זענען פארגעקומען אונטער פריערדיגע דיסאביליטי באשעפטיגונג איניציאטיוו פראיעקטן ווערן פארגרעסערט און פארברייטערט אונטער NY SCION. די אקטיוויטעטן נעמען אריין:

- קאריערע עקספּאָס וואס נעמען אריין "טרעף דעם באשעפטיגער" סעסיעס וואו יוגנט און ערוואקסענע קענען עקספלארירן קאריערע וועגן אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, העלטקעיר, אינפארמאציע טעכנאלאגיע און אנדערע געפאדערטע אינדוסטריעס
- אויפנעם געשעענישן וואו יוגנט און ערוואקסענע אנטיילנעמער גייען אויף אינטערוויוס מיט ביזנעס פארטרעטער, ווי למשל דער ׳רעווערס קאריערע פעיר׳ מוסטער
- ענטרעפּרעניורשאפט, קאריערע גרייטקייט און פינאנציעלע וויסנשאפט טרענירונג און ווארקשאפס

הויפט מיטארבעטער וואס שטיצן NY SCION רעכענען אריין דער NYS עדיוקעשען דעפארטמענט, NYS ערוואקסענע קאריערע און אנגייענדע עדיוקעשען סערוויסעס — וואקאציאנעלע רעהאביליטירונג (ACCES-VR), NYS אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס, NYS קאמישען פאר בלינדע, NYS אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף, און קאמיוניטי און נאן-פראפיט צוזאמענארבעטער לענגאויס דעם סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן